**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/9/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט מער פון 3.7 מיליאן דאלאר צו ברענגען קלימאט טעכנאלאגיע פאבריצירונג און פראדוקטן צו ניו יארק סטעיט דורך M-CORPS פראגראם**

***פראגראם וועט פארבינדן נייע פירמעס מיט לאקאלע סופליי טשעין שותפים צו פארגרעסערן די מאס פון קלימאט טעכנאלאגיעס פאבריצירונג***

***שטיצט קלימאט געזעץ ציהלן צו רעדוצירן שעדליכע גאז עמיסיעס מיט 85 פראצענט ביז 2050***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט מער פון 3.7 מיליאן דאלאר צו ברענגען נייע קלימאט טעכנאלאגיע אדער קלימאט טעכנאלאגיע פאבריצירונג און פראדוקטן צו ניו יארק סטעיט. דער M-Corps פראגראם וועט פארבינדן נייע פירמעס וועלכע פאבריצירן פראדוקטן וועלכע נידערן אראפ שעדליכע גאזן אדער רעדוצירן ענערגיע באנוץ מיט לאקאלע סופליי טשעין שותפים, פאבריצירער און סופלייערס, בשעת'ן לייגן אלץ פריאריטעט אזעלכע קשרים אין שוואכערע קאמיוניטיס. די אנאנס שטיצט די ציהל פון די סטעיט'ס לאנד'ס-פירנדע 'קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג געזעץ' ( Climate Leadership and Community Protection Act, CLCPA) צו רעדוצירן קארבאן עמיסיעס מיט 85 פראצענט פון די שטאפלען וואו עס האט געהאלטן אין 1990 ביז 2050.

"אלץ א פירער אין קלימאט, ארבעט ניו יארק אגרעסיווערהייט מיט פירמעס וועלכע ברענגען נייע טעכנאלאגיעס צום טיש אזוי ווי מיר ארבעטן צו פארקלענערן שעדליכע גאז עמיסיעס און צו דערגרייכן אונזערע אמביציעזע קלימאט ציהלן", **האט גאווערנאר קעטי האוקאל געזאגט.** "די אינציאטיוו וועט צוציהען פירמעס זיך צו אנשליסן אין אונזער וואקסנדע גרינע עקאנאמיע און זיי פארבינדן מיט פאבריצירונג איינריכטונגען אריבער די גאנצע סטעיט, אריינרעכענענדיג די וועלכע געפונען זיך אין שוואכערע געגנטער, צו שטיצן עקאנאמישע געלעגנהייטן און לאקאלע סופליי טשעינס אין די צייט וואס מיר זעצן פאר אונזער ארבעט צו האנדלען מיט קלימאט טויש מיט די פנים פאראויס."

די ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט ( New York State Energy Research and Development Authority, NYSERDA) וועט אויסוועהלן א פראגראם אדמיניסטראטאר – לויט ווער עס גיבט די בעסטע פארשלאג – צו ארבעטן מיט די NYSERDA צו ווייזן די וועג פאר נייע פירמעס מיט וויכטיגע באשליסן אין פארבינדונג צו די פאבריצירונג אנטוויקלונג פראצעדור. דער אדמיניסטראטאר וועט העלפן שאפן די ביזנעס באציאונגען און שותפות'ן מיט סופליי טשעין פירמעס, צושטעלן שטיצע מיט אפעראציע און פראגראמען פאר נייע פירמעס פון קלימאט טעכנאלאגיע און זיי פארבינדן מיט לאקאלע רעסארסן. דער פראגראם אדמיניסטראטאר וועט געגעבן ווערן ביז אזויפיל ווי 3.7 מיליאן דאלאר אין פינאנצירונג צו ארויסהעלפן מיטן ערפאלגרייך אריינברענגען נייע פראדוקטן אין די מארקעט.

**ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט פרעזידענט און CEO, דאָרין מ. העריס, האט געזאגט,** "פארבינדן גלאבאלע טעכנאלאגישע פירמעס מיט ניו יארק סטעיט רעסאָרסן גיבט פאר נייע ביזנעסלייט פרעצעדענטלאזע שטיצע וואס קען גיבן א שטופ פאראויס פאר קלימאט שטאנדהאפטיגקייט און ריינע ענערגיע. העלפן פירמעס צו דורכברעכן מארקעט שוועריגקייטן מיטן אנקומען צו פאבריצירונג פלאסטערט אויס די וועג צו הצלחה און קען העכערן די צאל פון ענווייראמענט-פריינטליכע פראדוקטן וועלכע זענען דא צו באקומען פאר קליענטן, רעדוצירנדיג דערמיט שעדליכע עמיסיעס."

**ניו יארק סטעיט פובליק סערוויס קאמיסיע (Public Service Commission) קאמישאנער, ראָרי מ. קריסטשיען, האט געזאגט,** "גאווערנער האקול'ס איבערגעגעבנקייט צו באשיצן און פארבעסערן אונזער ענווייראמענט איז געווען פעלזן פעסט. אזוי ווי מיר קוקן אויף פאראויס צו די שטייפע ציהלן וועלכע זענען אוועקגעשטעלט געווארן דורך דעם CLCPA, וועלן פראגראמען ווי M-Corps שפילן א הויפט ראלע אינעם שאפן א ריינע-ענערגיע ארבעטסקראפט אין ניו יארק סטעיט."

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט פרעזידענט, CEO און קאמישאנער, האָופ נייט, האט געזאגט,** "NYSERDA'ס M-Corps פראגראם וועט העלפן ניו יארק סטעיט דערגרייכן אירע אמביציעזע קלימאט ציהלן דורך נייע ערפינדונגען און גלייכקייט. דורכן צוזאמברענגען נייע פירמעס פון קלימאט טעכנאלאגיע מיט לאקאלע שותפים און דורכן לייגן שוואכערע קאמיוניטיס אלץ פריאריטעט, וועלן די באמיאונגען סיי בענעפיטירן די ענווייראמענט און סיי אויפבויען אונזער גרינע עקאנאמיע.

**ניו יארק סטעיט לעיבאר דעפּארטמענט קאמישאנער, ראבערטאָו ריערדאן, האט געזאגט,** "אלץ קאָו-טשעיר פון די קלימאט אקציע קאונסיל (Climate Action Council) בין איך שטאלץ צו ארבעטן מיט גאווערנער האקול צו איינפירן די רעוואלוציאנאלע אונטערנעמונגען וועלכע ציהען צו פירמעס צו אונזער לאנד'ס-פירנדע גרינע עקאנאמיע. די פינאנצירונג וועט העלפן אויפטרייבן עקאנאמישע וואוקס איבער גאנץ ניו יארק סטעיט און ברענגען שיין-באצאלטע, גרינע קאריערעס פאר ניו יארק סטעיט בשעת'ן באשיצן אונזער פלאנעט."

NYSERDA וועט אננעמען אפליקאציעס פון קוואליפיצירטע ארגאניזאציעס ביז יאנואר 4, 2023. אפליקאנטן מוזן ארויסווייזן מומחיות אין קלימאט טעכנאלאגיע האַרדוועיר און אינעם ארייננברענגען נייע פראדוקטן אין די מארקעט, און זיי מוזן האבן לאקאלע באקאנטשאפט מיט ניו יארק סטעיט און באציאונגען מיט פאבריצירער און סופלייערס אין ניו יארק. פאר מער אינפארמאציע, רעגיסטרירט אייך ביטע פאר די וועבינאַר וואס וועט אפגעהאלטן ווערן אום נאוועמבער 30, 2022, PM1:00 ניו יארקע צייט.

דער פראגראם ערזעצט די פאריגע NYSERDA-געשטיצטע ווערסיעס פון דעם M-Corps פראגראם. זינט 2017 האט דער NYSERDA 'טעכנאלאגיע צום מארקעט' (Technology to Market) פראגראם אינוועסטירט 107 מיליאן דאלאר און געשטיצט כמעט 500 קליענטן, ברענגנדיג צו מער פון 2,200 דזשאבס, 1.6 ביליאן דאלאר אין פריוואטע און פובליק אינוועסטירונג, 600 מיליאן דאלאר אין פארדינסטן פון נייע פירמעס און 300 פראדוקטן ארייגעברענגט צום מארקעט. אין צוגאב האבן די M-Corps טעכנאלאגיע פראגראמען געארבעט פון די נאענט מיט מער פון 50 פירמעס פון די גרופעס צו באקומען סערוויסעס דורך דעם פראגראם וועלכע האבן אין לויף פון די פיר יאר אויפגעטריבן מער פון 400 מיליאן דאלאר אין אינפראסטרוקטור אינוועסטירונג און האבן פארדינט מער פון 30 מיליאן דאלאר אין פארדינסטן.

פינאנצירונג פאר די אונטערנעמונג קומט פון די סטעיט'ס 10-יאריגע 5.3 ביליאן דאלארדיגע 'ריינע ענערגיע קאסע' (Clean Energy Fund). מער אינפארמאציע איבער די פינאנצירונג איז פארעפנטליכט אויף NYSERDA'ס וועבזייטל.

**ניו יארק סטעיט'ס לאנד'ס-בעסטע קלימאט פלאן**
ניו יארק סטעיט'ס לאנד'ס-בעסטע קלימאט אגענדע איז די מערסטע אגרעסיווער קלימאט און ריינע ענערגיע אונטערנעמונג אינעם לאנד, רופנדיג פאר א מסודר'דיגע און יושר'דיגע אריבערגאנג צו ריינע ענערגיע אויף א וועג וואס שאפט נייע דזשאבס און טוט ווייטער שטופן פאר א גרינע עקאנאמיע אין די צייט וואס ניו יארק סטעיט ערהוילט זיך פון די קאוויד-19 פאנדעמיע. דורך דאס אריינגעשטעלן אין געזעץ דורך דער ׳קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג אקט׳ האט זיך ניו יארק געשטעלט אויף א וועג צו גרייכן איר פארלאנגטע ציל פאר א זערא-עמיסיע עלעקטריק סעקטאר ביים יאר 2040, אריינגערעכנט דאס שאפן פון 70 פראצענט איבערניציגע ענערגיע ביים יאר 2030, און צו דערגרייכן קארבאן נייטראליטעט לענגאויס דער עקאנאמיע. עס בויט אויף ניו יארק'ס פרעצענדענטלאזע אינוועסטירונגען צו שנעלערהייט פארגרעסערן ריינע ענערגיע, אריינרעכענענדיג איבער 35 ביליאן דאלאר אין 120 גרויסארטיגע ריינע ענערגיע אויפטרייבונג און אריבערגאנג פראיעקטן איבערן סטעיט, 6.8 ביליאן דאלאר צו רעדוצירן עמיסעיס פון געביידעס, 1.8 ביליאן דאלאר צו פארגרעסערן די מאס פון סאולער ענערגיע, מער פון 1 ביליאן דאלאר פאר ריינע טראנספארטאציע איניציאטיוון און איבער 1.6 ביליאן דאלאר אין NY Green Bank (גרינע באנק) פארפליכטונגען. אלעס צוזאמען שטיצן די אינוועסטירונגען באלד 158,000 דזשאבס אין ניו יארק׳ס זויבערע ענערגיע סעקטאר אין 2020, א 2,100 פראצענטיגער העכערונג אין דער אויסגעשפרייטער סאלאר-ענערגיע סעקטאר זייט 2011 און א פארפליכטונג צו אנטוויקלען 9,000 מעגאוואטס פון ים-ווינט ענערגיע ביז'ן יאר 2035. אונטער דעם קלימאט געזעץ וועט ניו יארק בויען אויף די פארשריט און רעדוצירן שעדליכע גאז עמיסיעס מיט 85 פראצענט פון די שטאפלען וואו עס האט געהאלטן אין 1990 ביז 2050, און אין די זעלבע צייט פארזיכערן אז צום ווייניגסטנס 35 פראצענט — שטרעבנדיג צו 40 פראצענט — פון די בענעפיטן פון ריינע ענערגיע אינוועסטירונגען זאלן אנקומען צו קאמיוניטיס וועלכע זענען אין נויט, און צו מאכן פארשריט אין די ריכטונג פון די סטעיט'ס 2025 ענערגיע שפארזאמקייט ציהל צו רעדוצירן די ענערגיע וואס ווערט אויפגענוצט אויפן ארט שפארנדיג 185 טריליאן BTU'ס פון ענערגיע וואס ווערט למעשה גענוצט.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418